ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר
# נשא

אידיש

**835**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק ס"ט-ע'

## • נשא •

## אין די פרקים ווערן ערקלערט:

די קליפות וואָס מאכן זינדיקן דעם מענטש וואָס היט נישט זיין ברית קודש, און אַ מוראידיקע מעשה וואָס האָט פּאַסירט אין דער שטאָט פוזנא. - די האַרבע עבירות פון עריות רח"ל.

די כוונה פון פּסוק זאת תורת העולה וגו'.- צוליב דעם רויך אויף דעם מזבח האָט די סטרא אחרא נישט מקטרג געווען אויף אידן, און אַנטקעגן דעם איז תפילת ערבית. - מ'דאַרף זיין נזהר נישט אַוועקצואַווארפן ברעקלעך פון ברויט, און אַ מעשה דערויף פון די גמרא. - פאַרן שלאָפן דאַרף דער מענטש זיך פאָרשטעלן די צורה פון זיין פאָטער. - ער זאָל אויסקריצן אויף אַ זילבענעם רינג די שמות הקדושים און עס טובליען אין אַ מקוה, וועט ער ניצול ווערן פון עבירות בשעת ער שלאָפט.

# אינהאלט
## פון פרקים ס״ט - ע׳


א. אין פרק ס״ט ווערט דערקלערט: וועגן ״מחלת״ און ״לילית״ וואָס מאַכן זינדיגן דעם וואָס היטן נישט אָפּ דעם ברית.......... ה

ב. אַ שרעקליכע געשיכטע אין דער שטויט פוזנא.......... ה

ג. זיי האָבן נישט געשעדיגט קיין מענטשן, זיי האָבן נאָר צעטומלט די איינוואוינער.......... ו

ד. דאָס איז דאָך אַ הויז פאַר מענטשן צו וואוינען און זיי האָבן נישט קיין דערלויבונג צו וואוינען אין אַ באַוואוינט אָרט.......... ו

ה. איצט האָט ער נישט קיין יורש און מיר זענען די יורשים און מיר האָבן אַ חלק אין דעם פאַרמעגן פון אונזער פאָטער.......... ח

ו. וואויל צו אים און וואויל צו זיין נשמה.......... ט

ז. אין פרק ע׳ ווערט דערקלערט: דער פסוק ״צו את אהרן... זאת תורת העולה היא העולה״. שטייט ״הוא״ און מען לייענט ״היא״ העולה.......... יא

ח. דער מענטש מוז מכוין זיין אין דער תפלה פון מעריב אָפּצושוואַכן דעם כח פון דער סטרא אחרא.......... יא

ט. די חיצונים זאָלן נישט באַקומען גאָרנישט פון די איברים און שטיקלעך.......... יב

י. דער וועלכער לאָזט די ברעקלעך און טרעט אויף זיי, דער ווערט אָרעם.......... יג

יא. ווי ווי, ער האָט מיך שוין אַרויסגעצויגן פון זיין שטוב.......... יג

יב. נישט צו וואַרפן די ברעקלעך פון המוציא וואָס אין זיי איז פאַראַן אַ קדושה פון די אברים פון קרבן עולה.......... יד

יג. עצות צו זיין ערליך און הייליג.......... יד

# פרק ס״ט

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: וועגן ״מחלת״ און ״לילית״ וואָס מאַכן זינדיגן דעם וואָס היטן נישט אָפּ דעם ברית.**

**א. צריך,** דער מענטש דאַרף וויסן אַז די ״מחלת״ וואָס זי איז פריער דערמאָנט אין פרק ס״ח, זי מיט איר כת באַווייזן זיך אָפּט צו דעם מענטשן אויך וואַכעדיק, און זי באַווייזט זיך צו אים ווי אַ גיטע פריינט און שמייכלט צו אים און דורכדעם פאלט ער דורך אין עבירות וואס ווערן אנגערופען ״זיינע קינדער״ און די קינדער ווערן אנגערופן ״בָּנִים זָרִים וּמַשְׁחִיתִים״ - פרעמדע און פאַרדאָרבענע קינדער. און צום סוף הרג׳עט זי אים און זיינע קינדער און זיין גאַנצע פאַמיליע, ווי מיר האָבן געהערט וועגן דער געשיכטע אין אונזערע צייטן.

## אַ שרעקליכע געשיכטע אין דער שטויט פּוזנא

**ב. כי,** ווייל אין יאָר תמ״א און תמ״ב איז געווען אַ הויז אין דער הויפט גאַס פון פוזנא, און דער קעלער פון הויז איז געווען פאַרשלאָסן און קיין שום מענטש האָט נישט געקענט אַריינגיין אין דעם קעלער. איין טאָג איז אַראָפּ אַ בחור אין קעלער און אַ פערטל שעה שפּעטער האָט מען אים געפונען ליגנדיג אויפ׳ן שוועל פון קעלער אַ געשטאָרבענער, און מען האָט נישט געוואוסט די אורזאַך פון זיין שטאַרבן, און אַרום צוויי יאָר נאָך דעם, זענען זיי אפיר-געקומען פון קעלער ארויף אין שטיב, אין שטוב פון בעל הבית, און ווען די שטוב מענטשן האָבן צוגעגרייט עסן אָפּצוקאָכן אויפן אויוון, האָט מען געפונען אין טעפּל, צוזאַמען מיט די עסן, זאַמד און אַש ביז עס איז נישט געווען מעגלעך דאָס צו עסן.

**זיי האָבן נישט געשעדיגט קיין מענטשן,**
**זיי האָבן נאָר צעטומלט די איינוואוינער.**

**ג. ואחר,** און דערנאָך האָבן זיי זיך געשטאַרקט און זענען אַריין אין די צימערן וואו מ'וואוינט און האָבן גענומען דאָרטן כלים און לייכטער וואָס זענען געווען אין צימער, און האָבן עס געוואָרפן אויף דער ערד. אָבער זיי האָבן נישט געשעדיגט קיין מענטשן, זיי האָבן נישט מער ווי צעטומלט די איינוואוינער. דערנאָך זענען זיי געקומען אין אַלע צימערן פון הויז ביז זיי האָבן אַריינגעבראַכט אַ מורא אין די מענטשן פון שטוב, אַז זיי זענען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס הויז און זיך איבערקלייבן ערגעץ אַנדערש, און עס איז געווען אַ גרויס געוויין אין דער שטאָט פוזנא. די מענטשן פון דער שטאָט האָבן זיך צוזאַמענגערעדט ווי אַזוי און וואָס צו טאָן. זיי האָבן פּרובירט טאָן פעולות דורך פאַרשידענע מענטשן, עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן זיי צו פאַרטרייבן.

**דאָס איז דאָך אַ הויז פאַר מענטשן צו וואוינען און זיי האָבן נישט קיין דערלויבונג צו וואוינען אין אַ באַוואוינט אָרט**

**ד. ואחר,** דערנאָך האָבן זיי געשיקט אַ ספּעציעלן שליח צו דעם "בעל שם" וועלכער איז געווען באַוואוסט אין זיין דור און איז געווען אָנגערופן "מורנו הרב יואל בעל שם פון דער שטאָט זאמושטש". ווען ר' יואל בעל שם איז געקומען צו דאָס הויז, האָט ער זיי גלייך באַשוואָרן דורך הייליגע שמות זיי זאָלן אים לאָזן וויסן פאַרוואָס זיי זענען געקומען צו דער הויז, דאָס איז דאָך אַ הויז פאַר מענטשן צו וואוינען און זיי האָבן נישט קיין ערלויבעניש צו וואוינען אין אַ באַוואוינט אָרט, נאָר אין אַ שמוציג אָרט אָדער אין מדבר. זיי האָבן געענטפערט אַז די הויז באַלאַנגט אַבסאָלוט צו זיי צוליב געוויסע טענות וואָס זיי האָבן לויטן דין פון דער תורה.

**ה. והתרצו,** זיי זענען באַוויליגט געוואָרן זיך צו שטעלן פאַר דעם

בית-דין צדק אין דער שטאָט פוזנא, און נאָך אַ טאָג אָדער צוויי זענען די דיינים פון דער שטאָט געגאַנגען צו רבי יואל בעל שם און דער בית-דין איז געזעצן און זיי האָבן געהערט אַ שטימע אָבער געזען האָבן זיי קיינעם נישט פון זיי.

**ו. והתחיל,** האָט איינער פון זיי אָנגעהויבן זאָגן, אַז אַ מענטש האָט אַמאָל געוואוינט אין דעם הויז און עס האָט באַלאַנגט צו אים פון פריערדיקע יאָרן, זיין נאָמען איז געווען אַזוי און אַזוי. דער מענטש איז געווען אַ גאָלד שמיד, ער האָט געוואוינט מיט אַ שידית, און האָט געבוירן מיט איר קינדער משחיתים, און פון זיין פרוי האָט ער אויך געהאַט קינדער.

**ז. ופעם,** איינמאָל האט דער גאָלד שמיד געפירט אַ סדר די ערשטע נאַכט פסח, ווי עס איז איינגעפירט בכל תפוצות ישראל, און אין מיטן דער סעודה האָט דער גאָלד שמיד אָפּגעלאָזט דעם טיש און איז געגאַנגען אין בית הכסא און די אידישע פרוי איז אים שטילערהייט נאָכגעגאַנגען צו זען וואָס ער טוט דאָרט. האָט זי געזען דורכ'ן לאָך אין בית הכסא אַ שיינעם צימער און אַ פולער טיש מיט זילבער און גאָלדענע כלים, און דארט געפינט זיך די פרוי די שידית, און די אידישע פרוי האָט זיך, פון גרויס שרעק, צוריק געקערט אַהיים אַ דערצאָרנטע. אין אַ פערטל שעה שפּעטער האָט זיך דער מאַן צוריקגעקערט און די אידישע פרוי האָט גאָרנישט גערעדט.

**אויף צו מאָרגנס** איז די פרוי געגאַנגען צום רב, דער גרויסער גאון רבי שעפטל זכרונו לברכה, און אים דערציילט אַלץ וואָס איז געשען. דער רב האָט געשיקט רופן דעם גאָלד שמיד און ער האָט זיך מודה געווען אַז ער האָט אַ פרעמדע פרוי וואָס איז נישט קיין מענטש. דער רב האָט אים געשריבן אַ קמיע פון הייליגע שמות ביז ער איז געצוואונגען געווען אָפּצולאָזן די פרעמדע פרוי.

**איצט האָט ער נישט קיין יורש און מיר זענען די יורשים און מיר האָבן אַ חלק אין דעם פאַרמעגן פון אונזער פאָטער**

**ח. וקודם,** און פאַר זיין טויט איז די שידית נאכאמאל געקומען צו אים מיט אַ געוויין און גע׳טענה׳ט, ווי אַזוי לאָזט ער איבער איר מיט אירע קינדער, און זי האָט געשמייכלט צו אים, ביז ער איז באַוויליגט געוואָרן איר צו געבן אַ חלק אין זיין פאַרמעגן, און האָט איר אָפגעגעבן דעם דאָזיגן קעלער. דערנאָך איז אויסגעבראָכן מלחמות אין פוילן, פון יאָר ת״ח ביז תי״ח, און דער גאָלד שמיד מיט זיין גאַנצע פאַמיליע זענען געשטאָרבן, און איצט האָט ער נישט קיין יורש און מיר זענען די יורשים און מיר האָבן אַ חלק אין דעם פאַרמעגן פון אונזער פאָטער. ביז אַהער איז די טענה פון די חיצונים.

**די איינוואוינער** פון הויז האָבן געטענהט: מיר האָבן געקויפט דאָס הויז פאַר אַ פולן פרייז פון דעם גאָלד שמיד און איר די חיצונים ווערן נישט גערעכנט פאַר קיין מענטשן, און דערצו אַז אייער מוטער די שידית האָט געגנבעט דעם גאָלד שמיד איר צו נעמען פאַר א פרוי קעגען זיין ווילען.

**ט. ויצא,** איז אַרויס דער פסק פון בית-דין אַז די חיצונים האָבן נישט קיין טענה און קיין חלק פון הויז באַלאַנגט נישט צו זיי, ווייל זייער וואוינונג איז אין מדבר און נישט אין אַ באַזעצט אָרט. נאָכן פסק האָט רבי יואל בעל שם באַשוואָרן די חיצונים אַז זיי מוזן פאַרלאָזן דאָס הויז און דעם קעלער און אַוועק גיין אין וואַלד און אין מדבר. פון דעם איז קלאָר אַז אויב דער מענטש באַהעפט זיך צו די ״לילית״ אָדער די שידית פון די כת ״מחלת״ דאַן ווערט ער און זיין

פאַמיליע אויסגעריסן פון דער וועלט און עס בלייבט נישט פון אים קיין זכר[א].

## וואויל צו אים און וואויל צו זיין נשמה

**י. על-כן,** דעריבער זאָל זיך דער מענטש דערווייטערן פון עריות, אַז עס זאָל נישט קומען צו אים די שידית אין אַ געשטאַלט פון אַ פרוי און זיך צוטשעפען צו אים, וואָס דאַן וועט עס זיך אָנקלעפּן אין אימאָדער אין זיינע קינדער און פאַראורזאַכט גרויס שלעכטס פאַר זיך. אָבער דער וועלכער איז אָפּגעהיט און עניני עריות, און האט נישט קיין שום פארקער מיט פרעמדע פרויען, דאַן איז וואויל צו אים און וואויל צו זיין נשמה, ווייל ער האָט נישט געגעבן זיין כח צו פרעמדע, נאָר דער מענטש זאָל זיין אָפּגעהיט ער זאָל נישט מהרהר זיין שלעכטע געדאנקען און געשטרויכלט ווערן, און טאָמער ער פאַלט דורך נישט ווילענדיגערהייט, זאָל ער דאָס גלייך פאַררעכטן דורך תשובה און דאַן וועט אים גוט זיין.

❖ ❖ ❖

---

א) דאס מיינט, אז די אורזאך פארוואס דער מענטש מיט אלע זיינע קינדער און אייניקלעך זענען געשטארבן ביי די מלחמה, איז געווען צוליב, ווייל ער האט געהאט אויך א פרוי א שידית).

# פרק ע׳

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער פסוק ״צו את אהרן... זאת תורת העולה היא העולה״. שטייט ״הוא״ און מען לייענט ״היא״ העולה

**א. בריש,** אָנהויב פרשת צו שטייט (ויקרא ו, ב): ״זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה״ - דאָס איז די תורה פון עולה דאָס איז דער עולה אויפן פייער. זאָגט רש״י: דאָס וואָרט ״צַו״ מיינט לשון זירוז, אַז משה רבינו זאָל מזרז זיין די אידן אויף דעם ענין פון קרבנות, רבי שמעון זאָגט אַז ספּעציעל דאַרף מען מזרז זיין וואו עס איז דאָ אַ חסרון כיס. רש״י׳ס פירוש דאַרף מען פאַרשטיין. פאַר וואָס האָט עס רש״י געזאָגט דווקא אין אָט דער פרשה און נישט ערגעץ אַנדערש. מען קען אבער פשט זאָגן לויט ווי די גמרא זאָגט (ברכות דף כ״ו עמוד ב׳): די תפילות האָט מען מתקן געווען קעגן די קרבנות, די תפילה פון אינדערפרי איז קעגן דעם קרבן תמיד פון אינדערפרי, מוסף - קעגן דעם קרבן מוסף, מנחה - קעגן דעם תמיד פון פאַרנאַכט. מעריב - קעגן די אברים און שטיקלעך וואָס זענען נישט פאַרברענט געוואָרן אויף דעם מזבח און זענען אַראָפּגעפאַלן פון דעם מזבח, האָט די תורה אָנגעזאָגט די כהנים זיי זאָלן די אברים און די שטיקלעך צוריק אַרויפלייגן אויף דעם מזבח, און דעריבער האָט דער פייער געברענגט אַ גאַנצע נאַכט אויף דעם מזבח.

## דער מענטש מוז מכוין זיין אין דער תפלה פון מעריב אָפּצושוואַכן דעם כח פון דער סטרא אחרא

**ב. והענין,** און דער ענין איז מבואר אין זוהר פרשת תרומה (דף ק״ל עמוד א׳), ווייל דער רויך פון אַלע קרבנות פלעגט גיין גלייך אין דער הייך, נאָר דער רויך פון די אברים און שטיקלעך וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון מזבח און מען האָט זיי דערנאָך צוריק

אַרויפגעלייגט אויפן מזבח ביינאַכט, פלעגט דער רויך דערפון זיך פאַרקרימען און גיין קיין צפון זייט וואס דארט איז די דירה פון די סטרא אחרא, און דער רויך איז געווען זייער שפּייז, אַז זיי זאָלן בלייבן זיצן אויף זייער אָרט און זאָלן זיך נישט פאַרשפּרייטן אויף דער וועלט, און פארשפרייטען די כוחות הטומאה, און אַנטקעגן דעם האָט מען מתקן געווען די תפלה פון מעריב, ווייל די כתות קומען אַרויס פון ערב רב דעריבער ווערט די תפלה גערופן תפלת ערב, און דער מענטש מוז שטארק מכוין זיין ווען ער דאווענט די תפלה פון מעריב אָפּצושוואַכן דעם כח פון דער סטרא אחרא.

## די חיצונים זאָלן נישט באַקומען גאָרנישט פון די איברים און שטיקלעך

**ג. והנה**, איך דאַרף נאָך צוגעבן נאָך איין הקדמה, וואָס איך האָב געפונען אין דעם ספר של"ה ("שני לוחות הברית") האָט דער גאון מורנו הרב ישעיהו הורוויץ זכרונו לברכה אָנגעזאָגט אַז יעדע זאָל זייער אַכטונג געבן מיט ברעקלעך פון ברויט, פונקט ווי די כהנים זענען אָנגעזאָגט געוואָרן צוריק אַרויפצולייגן די אברים און שטיקלעך וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון מזבח, כדי אַז די חיצונים זאָלן נישט באַקומען גאָרנישט פון די איברים און שטיקלעך, זיי זאָלן נאָר באַקומען פון דעם רויך וואָס פאַרקרימט זיך צו צפון זייט, אַזוי אויך די ברעקלעך ברויט זאָל דער מענטש געוואָרנט זיין נישט צו וואַרפן זיי אויף דער ערד און ספּעציעל די ברעקלעך פון המוציא וואָס זיי זענען געגליכן צו די אברים פון קרבן עולה און ווערן אָנגערופן "תרומת מעשר" וואָס איז געווען אין קדש הקדשים.

**ד. ומי**, און דער וועלכער איז נישט אָפּגעהיט אין ברעקלעך ברויט, קומט די "לילית" מיט אירע ת"פ (אותיות פ"ת) פיר הונדערט אכציג כיתות און באַזעצט זיך ביי אים אין הויז ביז זי ברענגט אים צו אָרעמקייט, און דעריבער זעט מיר אויס אַז דאָס איז די כוונה וואָס

שטייט אין פסוק (ויקרא ו, ב): ״זֹאת תּוֹרַת הָעוֹלָה הִיא הָעוֹלָה״, עס שטייט מיט א וי״ו (״הוא״) און מ׳לערנט עס ווי עס וואלט געשטאנען א יו״ד (״היא״), ווייל ״היא״ מיט אַ יו״ד גייט עס אויף איר, וואָס זי וויל נהנה זיין פון די ברעקלעך ברויט וואָס זי איז ממונה איבער דער אָרעמקייט און ״הוא״ מיט אַ וא״ו גייט אויף דער עולה, עס מיינט די אברים וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון דעם מזבח, דעריבער ברענגט רש״י אין חומש אין דער זעלבער פרשה דעם דרוש וואָס רבי שמעון האָט געזאָגט דאָרטן וואו עס איז פאַראַן אַ חסרון כיס דארף מען געווארנט זיין, דאָס מיינט ווייל זי איז ממונה איבער די עניות און דלות, דעריבער אַז ער וועט נישט היטן די ברעקלעך וועט ער אָרעם ווערן, דעריבער וואָרנט דער פסוק דערויף זייער, כדי ער זאָל נישט אָרעם ווערן.

## דער וועלכער לאָזט די ברעקלעך און טרעט אויף זיי, דער ווערט אָרעם

**ה. כמעשה**, אַזוי ווי די מעשה וואָס שטייט אין גמרא חולין (דף ק״ה עמוד ב): אביי האָט געזאָגט, פריער האָב איך געמיינט אַז דאָס וואָס מען קערט צונויף די ברעקלעך אין שטוב כדי מען זאָל אויף זיי נישט טרעטן, איז כדי עס זאָל זיין אין שטוב ריין. האָט מיר מיין רבי געזאָגט אַז מען טוט עס כדי עס זאָל נישט ברענגען צו אָרעמקייט, און דער וועלכער לאָזט די ברעקלעך און טרעט אויף זיי, דער ווערט אָרעם[א].

## ווי ווי, ער האָט מיד שוין אַרויסגעצויגן פון זיין שטוב

עס איז געווען אַ מענטש וואָס דער שר וואָס איז ממונה אויף עניות האָט זייער געוואָלט דער מענטש זאָל אָרעם ווערן און ער האָט אים אָבער נישט געקענט בייקומען ווייל ער פלעגט זייער היטן די

---

א) ווער ווייסט וויפיל שטיבער מוטשען זיך אויף פרנסה ווייל זיי געבן נישט אכטונג אויף דעם.

ברעקלעך. איין טאָג האָט זיך געטראָפן אַז דער מענטש האָט געגעסן ברויט אין פעלד און די ברעקלעך פון דעם ברויט זענען געפאַלן אויף דעם גראָז און עס איז נישט מעגלעך געווען אויפצוקלייבן אַלע ברעקלעך פון דעם גראָז, האָט דער שר פון עניות געזאָגט איצטער וועט ער אַריינפאַלן אין מיינע הענט. נאָך דעם וואָס ער האָט אָפּגעגעסן האט ער געבראַכט אַ שאוועל און האָט צוזאַמען גענומען די ברעקלעך מיט די ערד אַרום און האָט עס אַריין געוואָרפן אין וואַסער, האָט ער געהערט אַ קול אויסרופן: ווי ווי, ער האָט מיך שוין אַרויסגעצויגן פון זיין שטוב[ב].

## נישט צו וואַרפן די ברעקלעך פון המוציא וואָס אין זיי איז פאַראַן אַ קדושה פון די אברים פון קרבן עולה

**ז. ולכן,** און דעריבער זאָל דער מענטש זיין געוואָרנט נישט צו וואַרפן די ברעקלעך פון המוציא וואָס אין זיי איז פאַראַן אַ קדושה פון די אברים פון קרבן עולה, און בהיות אַז די "לילית" מיט אירע ת"פ מחנות ברענגען צו טומאה, זאָל דער מענטש בעטן ער זאָל נישט קומען צו קיין טומאה, ער זאָל זיך דערווייטערן פון שלעכטע הרהורים וואָס ברענגען דעם מענטשן וואס איז פוגם אין מדת יסוד.

## עצות צו זיין ערליך און הייליג

**דאָ** וויל איך געבן אַ גוטע עצה ווי זיך צו דערווייטערן פון די זינד פון מדת יסוד, דאָס ערשטע האָב איך שוין געשריבן אין פרק ב', אַז דער מענטש זאָל זיך פאָרשטעלן פאַרן שלאָף ווי זיין פאָטער שטייט פאַר אים; און דאָס צווייטע, ער זאָל מאַכן אַ רינגעל פון ריינע זילבער און זאָל אויסקריצן אויף זיי די שמות וואָס איך האָב באַקומען פון מורנו רבי יואל בעל שם זכרונו לברכה פון דער שטאָט זאמושטש.

---

ב) דאס מיינט ער איז מיך בייגעקומען.

**ח. ואלו,** און דאָס זענען זיי: שד״י, צמרכ״ד, אנקת״ם, פסת״ם, פספסי״ם, דיונסי״ם, יוה״ך, אדנ״י. און נאכן מאַכן און אויסקריצן דעם זילבערנעם פינגערל, זאָל ער טובלען דעם פינגערל אין אַ מקווה פון פערציג סאה און זאָל עס אָנטאָן, און מיט דעם וועט ער קענען גיין אומעטום[ג], און ער וועט זיכער זיין ניצול ווערן פון אָט דער זינד און וועט זיך לייגן שלאָפן מיט זיכערקייט אָן קיין שום זינד.

❖ ❖ ❖

ג) **וויכטיגע באמערקונג:** עס איז געלונגען פאר א חשובען איד וואס וואוינט אין קרית יואל נוא יארק, צו ערצייגען דעם רינגעל מיט אלע פרטים והידורים, לויט ווי עס שטייט דא, און אויך אין חיד״א. אין אלע מאסען עס זאל פאסען אויף די פינגער, און מענטשען זענען עדות אז עס ווייזט וואונדער, עס היט אפ פון זינד.

און אפגעפארענע בחורים זענען פון איין טאג אופן אנדערן איבערגעדרייט געווארן צו מתמידים אין תורה מיט געוואלדיגע יראת שמים. דער פארקויפער הייסט הר״ר א.י. שווארץ, טלפון: 914-782-1949